די ווילדעסטע שטאַמען אין אַפריקע, אָדער אין אַזיע, ביי זייערע גרעסטע רציחות — ווי די שטאַמען למשל אין האָלענדיש ניי־גווינעאַ, וואָס זענען געווען באַקאַנט פאַר קעפ־שניידער. זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין די ווייטע געגנטן אָנפאַלן אַנדערע שטאַמען און זיי אָפהאַקן די קעפ. די מענטשן־קעפ פלעגן זיי דערנאָך האַלטן ביי זיך פאַר אַ באַצירונג, אָבער קליינע קינדער פלעגן די ווילדע שטאַמען דאָך נישט הרגענען. אָבער אין 20־סטן יאָרהונדערט הרגעט דער דייטש קליינע קינדער, אַפילו זויגלינגען. שריי איך אָפן פון מיין טיפסטן האַרץ, אַז גאַנץ אייראָפע און גאַנץ אַמעריקע און ענגלאַנד, זענען שולדיק אין דער גרויסער שחיטה פון יידישן פאָלק.

איך האָב אַפילו שפעטער אָנגענומען די השערה, אַז דאָס אַראָפוואַרפן מוסאָלינין פון זיין מאַכט אין יאָר 1943, איז אויך געווען אַ מאַנעוור פון ענגלאַנד מיטן דייטש. אַזוי ווי מוסאָליני האָט נישט געוואָלט אין זיין לאַנד אַדורכפירן די ראַסן־געזעצן קעגן יידן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. און נישט נאָר האָט מוסאָליני אין זיין לאַנד נישט איינגעפירט די געזעצן קעגן יידן, נאָר אפילו אין די באַזעצטע לענדער אויך נישט. ווי למשל אין גריכנלאַנד און אין דרום־פראַנקרייך, דער טייל וואָס איז געווען באַזעצט פון איטאַליע. האָט מען מוסאָלינין אַראָפגעוואָרפן און מען האָט אויך געקאָנט אויסראָטן און פאַרניכטן דאָס איטאַליענישע יידנטום, דאָס גריכישע יידנטום און דאָס יידנטום פון דרום־פראַנקרייך. אַלץ איז צוגעגאַנגען סיסטעמאַטיש. יעדעס לאַנד לויט זיין ריי. ווי למשל די יידן פון דענעמאַרק און נאָרוועגיע. איך האָב געגלויבט, אַז ענגלאַנד וועט אַזוי לאַנג פירן מלחמה מיטן דייטש, ביז עס וועט קיין איין ייד אין אייראָפע נישט מער לעבן.

און דאָס האָט אויך אַ קינד געקענט זען, אַז דאָ קומט פאַר אַ טייוולאָנישע מלחמה, וואָס איז נאָר געצילט קעגן יידישן פאָלק, ווייל איינציקוויז, ווו עס האָט זיך נאָך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אַ ייד, האָט מען אים מיט דער צייט דאָך אָפגעזוכט און געפונען. — וואָרט, האָט אוודאי דער דייטש געזאָגט צו ענגלאַנד — נישט איילן זיך מיט דעם ענדיקן די מלחמה — מען געפינט נאָך כסדר באַהאַלטענע יידן. — איך וועל אַזוי זען צו טאָן, אַז איך זאָל דעם לעצטן געפינען. און דער דייטש האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָרגאַניזירט אַזאַ שטאַרקן שפיאָנאַזשדינסט און אַזעלכע שטאַרקע שטראָפן פאַר די, וואָס פלעגן אויסבאַהאַלטן אַ ייד, אַז כמעט קיינער האָט מער נישט געוואָלט, פאַר קיין שום געלט, אויסבאַהאַלטן אַ ייד. אַזוי פלעגט דער דייטש, אַז ער האָט

ערגעץ געפונען אַ ייִד, מיטנעמען די קריסטלעכע פאַמיליע און מען האָט זיי קיינמאָל נישט מער צוריקגעזען.

מיינע קינדער פלעגן אינסטינקטיוו אַזוי מורא האָבן, אַז ווען זיי האָבן געזען אַ דייטש, פלעגן זיי ציטערן און וויינען. אַ סך מאָל, אַז איך בין געגאַנגען מיט מיין קלענער ייִנגעלע אין געשעפט אַריין עפּעס קויפן, פלעגט ער זיך אָפּט אומקוקן. — בערעלע, האָב איך אים געפרעגט, וואָס קוקסטו זיך עפּעס אַזוי אום? — פּאַפּאַ, האָט ער צו מיר געזאָגט, איך קוק זיך אום, צי עס קומען נישט אָן קיין דייטשן.

אַז די מלחמה איז עפּעס אַ טיוואָלאַנישע מלחמה, האָבן אויך די קריסטן אָנגעהויבן צו מערקן. ווי למשל די פלעמער און די פראַנצויזן. זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן צו ווערן פעסימיסטיש געשטימט און געשריגן, אַז דער דייטש פירט די מלחמה לויטן ווילן פון די ענגלענדער און אַז די גאַנצע מלחמה איז נישט מער ווי אַ קאָמעדיע־שפּיל. דער האַס פון פלעמישן פאָלק איז דעריבער כסדר אַזוי געוואַקסן קעגן ענגלענדער, ווי קעגן דייטש.

אַזוי איז שוין אַוועק אַ יאָר, ווי מען האָט די ייִדן אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן און מיר זענען נאָך אַלץ געזעסן אין אונזער וווינונג. איינ־מאָל, געווען איז עס אין אָנפאַנג זומער, האָט צו מיר מיין פרוי געזאָגט — איך האָב געהערט, אַז אַ שוואַנגערע פרוי נעמען די דייטשן נישט מיט, אויב זיי קומען נעמען. — גוט, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, איך וועל זען אַז דו זאָלסט שוואַנגערן. עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן, האָט מיין פרוי מיר דערציילט, אַז זי שוואַנגערט. איצט האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַזינען, נאָך וואָס האָט עס איר געטויגט אין אַזאַ צייט, ווי מיר לעבן, נאָך אַ קליין קינד. עס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל קאָסטן. מיין פרוי האָט דאַן איינגענומען עפּעס אַזעלכע פּילן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון אַן אַפּטייק און פון דער שוואַנגער־שאַפט איז גאָרנישט געוואָרן.

איך האָב איצט ווידער געדאַרפט געלט. איך האָב געטראַכט צו פאַרקויפן סחורה. אָבער וואָס וועט זיין, אַז איך וועל די סחורה שוין האָבן פאַרקויפט? ווו וועל איך דאַן נעמען געלט? די סחורה איז אויך כסדר געשטיגן. אַזוי, אַז עס איז מיר געווען אַ שאָד זי צו פאַרקויפן.

איך האָב זיך דאַן געוואַנדן צו הערצפעלדס איידעם — דעם האָלענ־דער — מיט אַ פּראָפּאָזיציע. — ער האָט מיר אַמאָל געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר באָרגן געלט. איך האָב צו אים געזאָגט, אַז איך וועל אים געבן פינף פּראָצענט יערלעך פונעם געלט, וואָס ער וועט מיר באָרגן, איך וועל ביי אים איינלייגן אַלס משכן מיין פאָסט־ביכל מיט די

דרייסיק טויזנט פֿראַנק. אויף יעדע סומע וועל איך אים געבן אַ וועקסל. אָבער ווען עס איז געקומען צום באָרגן, האָט ער אָנגעהויבן צו דרייען מיטן קאָפּ. איך מוז באַמערקן, אַז דער האָלענדער איז געווען אַ רייכער מענטש און האָט נאָך אויך איצט געמאַכט גוטע געשעפֿטן, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט בריליאַנטן און גאָלד.

דער האָלענדער האָט צוערשט געצעגערט מיר צו באָרגן געלט. אָבער עס זעט אויס, אַז ער האָט זיך אינפֿאָרמירט, אַז ביים דעמאָלטיקן מצב פֿון די ייִדן איז, אויב איך וועל אים געבן אַ מלוכה־געשטעמפּלטן פּאַפּיר מיט דער סומע געלט, וועלכע ער באָרגט מיר און דעם נומער פֿון פּאָסט־ביכל און אַז איך און מיין פֿרוי גיבן אים רעכט די סומע אָפּצונעמען אויף אונזער פּאָסט־ביכל, וועט ער זיין הלוואה צוריק באַקומען נאָך דער מלחמה, האָט ער מיר ערשט געבאָרגט געלט אויף פֿינף פּראָצענט. אַזוי האָט ער מיר געהאַט געבאָרגט אויף מיין פּאָסט־ביכל, ביז די דייטשן זענען אונז געקומען נעמען, 15.000 פֿראַנק.

פּונקט צום יאָר, ווי מען האָט געהאַט אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן די ייִדן, האָט מיין פֿרוי מיר ווידער דערציילט, אַז זי שוואַנגערט און אַז איצט וועט זי עס שוין נישט קאָלע מאַכן און אַז זי וואָלט אַזוי געוואָלט האָבן אַ מיידל. איך האָב באַמערקט, ווי זי איז ווירקלעך צופֿרידן, וואָס זי שוואַנגערט.

אין צווישנצייט זענען מיינע צוויי ייִנגלעך קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען. מיין גרעסער ייִנגל, איז איצט אַלט געוואָרן זעקס יאָר און ער האָט שוין איצט געדאַרפֿט גיין אין דער שולע אַריין, נישט מער אין דער שפּיל־שולע. מיר האָבן אים איינגעשריבן אין דער שולע. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שולע, האָט מיך דער דירעקטאָר פֿון דער שולע געלאָזט רופֿן און מיר דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיין ייִנגל איז אַ ייִדיש קינד, קאָן ער מיט קיין פֿלעמישע קינדער צוזאַמען נישט לערנען.

מיין ייִנגל איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן, וואָס ער האָט אין דער שולע אַריין נישט מער געטאָרט גיין און ער פֿלעגט דערפֿאַר אַ סך מאָל אויך וויינען, פֿאַר וואָס מיר לאָזן אים נישט גיין אין שולע. דאָס קינד האָט עס נעבעך נישט פֿאַרשטאַנען און מיר האָבן אים אויך נישט געוואָלט זאָגן, פֿאַרוואָס ער טאָר נישט גיין אין דער שולע אַריין. מיר האָבן דעם קינד קיין קרענקונג נישט געוואָלט אָנטאָן.

איך האָב אַ סך מאָל געפּרובירט מיטן ייִנגעלע צו לערנען, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין געדולד און אויב ער האָט נישט אַזוי

גוט באַגריפן, האָב איך אים געשלאָגן, דאַן האָב איך ליבער מיט אים איבערהויפּט נישט געלערנט.

שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון אויפזעער איבער די שולעס — פאַרוואָס מיין יינגל גייט נישט אין דער שולע אַריין. — האָב איך אים געענטפערט, אַז מיין יינגל באַקומט הויז־בילדונג און דער דירעקטאָר פון דער שולע האָט אים אויפגעקלערט די סיבה דערפון, האָט ער דעם ענין צורו געלאָזט.

איך פלעג אַ סך צייט פאַרברענגען מיט לייענען ביכער. מיין פרוי פלעגט פון צייט צו צייט אויך לייענען ביכער. נישט ווייט פון מיר איז געווען אַ ביבליאָטעק, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון גלחים. אַזוי, אַז אַ סך ביכער פון דער ביבליאָטעק — וואָס האָט זיך גערופן אין קראַנסקע — האָבן געטראָגן אַ קאַטוילישן כאַראַקטער, ווי למשל, אַזעלכע ביכער וואָס זענען געווען געשריבן דורך פאַרשידענע "פאָטערס" און גלחים. עס האָבן זיך אָבער צווישן זייערע ביכער אויך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען געווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד. ווי למשל, דאָס בוך וואָס איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם "פאָטער" וואָס האָט עס געשריבן. ער איז, דאַכט זיך, געווען פון וואַסלאַנד אין פלאַנדערן, פון שטעטל סענט־זשילעס. א. נ. "מיינע פינף און דרייסיק יאָר פון זיין פאָטער אין מאָנגאָליע". אָדער די רייזע־באַשרייבונגען א. נ. "גלייך דורך אַזיע פון קאָנסטאַנץ דע־דעקען". אָדער די רייזע־באַשרייבונג דורך טאַרטאַריע פון מ. חוק. איך וועל אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בוך וועגן עפּעס אַ פראַנצויזישן יונגן אַנאַרכיסט, אַרויסגעגעבן דורך פראָפעסאָר סאַלסמאַן, מיט אַ פאָררעדע פון קאַרדינאַל מערסיע. דאָס בוך טראָגט דעם נאָמען 'אַלבער" און איז געשריבן אין פאָרם פון אַ טאָג־בוך. עס דערציילט זיך אין דעם בוך, ווי אַ יונגער אַנאַרכיסט פון 18 יאָר גיט זיך אָפּ מיט אַ באַנדע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אויסגעפירט פאַרשידענע רויב־אָנפאַלן און מאָרדן. אַ סך פון די אַנאַרכיסטן ווערן געכאַפּט און פאַראורטיילט, צווישן זיי אויך אַלבער. טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך אין די אָנפאַלן נישט באַטייליקט און האָט פון זיי נישט געוווסט.

אַלבער, דערציילט זיך אין דעם בוך, ווערט אַ בעל־תשובה. ער ווערט צוריק אַ גוטער קריסט, ווייל ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז די מענטשן מוז מען אויסבעסערן, נישט דורכן געזעץ, נאָר דורך זיטלעכע לערע. אַלבער דענקט צו ווערן אַ מיסיאָנער, ווען ער וועט אַרויסקומען פון געפענגעניש. דער דירעקטאָר און דער גלח פון געפענגעניש, אַלע האָבן ליב צו שמועסן מיט אַלבערן צוליב זיין שאַרפזין.

אַלבער שרייבט אין געפּענגעניש זיין טאָג־בוך פון טאָג אָן, ווען ער איז נאָך אומגלויביק, ביז ער ווערט אַ בעל־תשובה. זיין שאַרפזין און זיינע דעראינערונגען האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די געפּענגעניש־אויפזעער און זיי האָבן איינמאָל זיין טאָג־בוך צוגעגנבעט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, ער זאָל עס נישט פאַרניכטן.

עס איז פונקט געווען אין דער מלחמה פון 1914, ווען אַלבער שרייבט זיין טאָג־בוך אין דער בריסעלער תפיסה. ער בענקט אַזוי נאָך דער פרייהייט, צו זען כאָטש נאָך איינמאָל זיין מוטער, אַז זיין האַרץ האַלט פון בענקשאַפט נישט אויס און ער שטאַרבט אין דער תפיסה. דאָס איז איינס פון די שענסטע און רירנדסטע ביכער, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געלייענט.

די ביבליאָטעק פונעם קראַנסקע האָט געהאַט די מעלה, וואָס מען האָט זיך דאָרט געפילט אַזוי ווי אינדערהיים. עס זענען נישט געווען צוערשט קיין שום רעגולאַמינען, ווי לאַנג מען דאַרף האַלטן אַ בוך. ווי לאַנג איינער האָט געוואָלט האַלטן אַ בוך, האָט ער געמעגט. אַז מען איז געקומען נעמען ביכער, האָט מען נישט געדאַרפט ווייזן קיין פּאַס, אַזוי ווי אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. מען האָט נאָר געדאַרפט בלויז אויפגעבן דעם אַדרעס. באַצאָלן פאַר די ביכער האָט מען אויך נישט געדאַרפט, אַזוי ווי אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. די ביבליאָטעקאַרן זענען דאָרט געווען: אַ יונגערמאַן מיינס אַ שכן, וואָס די גאַנצע וואָך איז ער אַרומגעגאַנגען איינקאַסירן פאַרן גאַז. דער צווייטער איז געווען אַ שניידער, אַ זון פון אַ פויער, וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון מיר. בײדע יונגעלייט זענען געווען זייער שטילע און אנשטענדיקע. די גאַנצע וואָך האָבן זיי געאַרבעט און זונטיק זענען זיי געזעסן אין דער ביבליאָטעק.

איך פלעג לייענען איצט אַ סך פלעמישע שרייבער. איך האָב נישט געוווסט, אַז עס עקזיסטירט אויך אַ רייכע פלעמישע ליטעראַטור. איך האָב זיך באַקענט מיט אַזעלכע שרייבער, ווי: הענדריק קאָנסיאַנס. אמער וווטע. וואַרד ווערמיילן. וויקטאָר דע־מייער, זשעראַר וואָלשאַפּ, גוסטאַוו זעגערס און נאָך אַ סך אַנדערע. עס זענען מיר אָבער אויך אַ סך מאָל אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין ביכער, ביי וועלכע איך פלעג ווערן זייער טרויעריק. אַזוי למשל, דאָס בוך "שקלאַפן פון דער מלחמה 1914" פון עפּעס אַ פלעמישן שרייבער פון מערב־פלאַנדערן, פון דער שטאָט רוסעלאַר, מיטן נאָמען לעאָן ווערשנורען. ער באַשרייבט דיליידן, וואָס די דעפּאָרטירטע אַרבעטער פון בעלגיע האָבן זיך אָנגעליטן אין פראַנק־רייך אין די לאַגערן. ווי מענטשן וואָס האָבן געוווּגן, ווען זיי זענען

געקומען אין די לאַגערן צו אַכציק קילאָ, האָבן נאָך אַ פּאָר חדשים נישט מער געוויגן ווי פערציק קילאָ. די דעפּאָרטירטע פלעגן אויסשטאַרבן ווי די פליגן. ער דערציילט, ווי פאַר אַנצינדן אין לאַגער ביינאַכט אַ שוועבעלע, האָט אַ דייטשער זעלנער דורכגעשטאָכן מיט אַ באַיאָנעט אַ יונגענמאַן, אַ דאָקטאָרס אַ זון, וואָס האָט זיך אינגאַנצן ערשט געהאַט געפונען אַ טאָג אין לאַגער.

דער יונגערמאַן איז געווען אינגאַנצן אומשולדיק. ער האָט זיך געבעטן ביי דעם דייטשן זעלנער אין פראַנצויזיש, אַז ער איז אומשולדיק. אָבער דער דייטש האָט געגעבן אַ שפּרונג אַ פּאָר טריט צוריק און דאַן האָט ער מיט זיין באַיאָנעט אַדורכגעשטאָכן דעם יונגענמאַנס האַרץ. דער יונגערמאַן האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי און איז געבליבן ליגן טויט. דער דייטש — דערציילט ווערשנורען — האָט אָפּגעווישט דעם באַיאָנעט מיט זיין טאַשן־טיכל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. ביי אַזאַ בוך לייענען, פלעג איך ווערן זייער אויפגערעגט און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט אַריין.

אָדער אַמאָל ווידער האָב איך געלייענט אַ צווייט בוך, געשריבן פון אַ האָלענדישן זשורנאַליסט מיטן נאָמען מאַקפעלד. דאָס פאָרכאָפּן פון בעלגיע דורך די דייטשן אין דער מלחמה פון 1914. ער, אַלס זשורנאַליסט פון אַ נייטראַל לאַנד, דערציילט זיך אָן די גרוילטאָטן פון די דייטשן איבער דער בעלגישער באַפעלקערונג. אַזעלכע ביכער האָבן מיינע נערוון צעשרויפט ביז אויף דער לעצטער מדרגה. איך פלעג דעמאָלט ציטערן אינגאַנצן פון שרעק און נאָכדענקען וועגן די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט. איך פלעג דעמאָלט מיט רחמנות קוקן אויף מיינע קינדער.

זומער 1943 האָט איטאַליע קאַפּיטולירט. אַלע מענטשן האָבן געמיינט, אַז די מלחמה וועט מער לאַנג נישט דויערן. מיין פרוי איז געווען צופרידן, וואָס זי שוואַנגערט. זי האָט גערעכנט, אַז ביז זי וועט דאַרפן גיין האָבן דאָס קינד, וועט שוין די מלחמה זיין געענדיקט, ווייל יעדן טאָג האָט דער ענגלענדער געזאָגט אין ראַדיאָ, אָט גייט ער, ער קומט, ער פאָרט, ער רייט, ער גייט אייראָפּע באַפרייען. אַזוי האָט ער געהאַלטן אין רייטן און קומען, ביז עס האָט זיך דערנענטערט די צייט, וואָס מיין פרוי האָט געדאַרפט גיין אין מוטער־הויז אַריין.

שבת, דעם 27־טן מערץ 1944, איז מיין פרוי אינדערפרי אַוועק אין מוטער־הויז אַריין, און נאָכמיטאָג האָט מען מיר פון דאָרט טעלעפאָנירט, אַז מיין פרוי האָט געבוירן אַ טאָכטער.

איך האָב זיך שיין אָנגעטאָן און אַוועק אין מוטער־הויז אַריין. אַ שיין מיידעלע פון 4 קילאָ, מיט בלויע אייגעלעך. מיין פרוי איז געווען אַזוי גליקלעך. מיר האָבן באַשלאָסן אַ נאָמען צו געבן אונזער טאָכטער מיט אונזערע מוטערס נעמען, ווייל מיין פרויס מוטער איז שוין לאַנג געווען טויט און מיין מוטער האָב איך גערעכנט איז שוין זיכער טויט. מיין מיידעלע האָט געטראָגן דעם נאָמען מירל־בילה. אין פראַנצויזיש האָט זיך געלייענט מיריעללע בעלאַ.

זונטיק, דעם 28־טן מערץ, האָב איך מיינע צוויי יינגעלעך שיין אָנגעטאָן און אַוועק מיט זיי באַזוכן זייער שוועסטערל און די מוטער. מיינע יינגלעך האָבן זיך געפרייט, אַז זיי האָבן אַ שוועסטערל און מער פון אַלע איז מיין פרוי געווען גליקלעך. זי האָט דאָס פיצעלע קינד אַזוי געקושט אין די הענטלעך און עס געטוליעט צו איר ברוסט. — מיין מאַמעלע, פלעגט זי עס שפעטער רופן, ווייל עס האָט דאָך געטראָגן דעם נאָמען פון איר מוטער.

אַזוי פלעג איך גיין יעדן טאָג באַזוכן מיין פרוי אין מוטער־הויז די צען טעג, וואָס זי איז דאָרט געלעגן. נאָך די צען טעג זיין אין מוטער־הויז איז מיין מיין פרוי אַהיימגעקומען מיטן קינד.

דאָס קינד איז געהאַט אָפגעפאַלן. עס האָט געהאַט פאַרלוירן 300 גראַם פון זיין געוויכט און אין דער היים האָט עס אויך נישט פאַרטראָגן די ראַציע־מילך און האָט זי כסדר אויסגעבראָכן. מיין פרוי האָט אין מוטער־הויז געהאַט געגעבן דריי טעג די ברוסט, אָבער דאָס קינד האָט איר געהאַט די ברוסטן אַזוי אויסגעזויגן און זי האָט דאַן געהאַט אַזעלכע שרעקלעכע יסורים, אַז זי האָט דעם קינד מיט דעם בעסטן ווילן נישט געקענט מער געבן די ברוסט. דאַן האָט מען דאָס קינד געמוזט דערנערן מיט אַ פלעשל. דעם טאָג, וואָס מיין פרוי איז אַהיימגעקומען פון מוטער־הויז און זי האָט געזען, אַז דאָס קינד פאַרטראָגט נישט קיין ראַציע־מילך, איז זי באַלד געלאָפן צו אַ פויער זיך ביי אים בעטן און וויינען, ער זאָל איר געבן פאַרן קינד יעדן טאָג כאָטש אַ האַלבן ליטער מילך. צום סוף האָט דער פויער איר געגעבן יעדן טאָג אַ ליטער מילך. צוויי דאָקטוירים האָט מיין פרוי גערופן אין דעם טאָג, וואָס זי איז אַהיימגעקומען פון מוטער־הויז, אַזוי איז זי געווען איבערגעשראָקן פאַר איר קינד. זי וואָלט איר לעבן פאַר דעם קינד אַוועקגעגעבן. אַזוי ווי דאָס קינד האָט באַקומען מילך פון פויער, האָט עס באַלד אויפגעהערט צו ברעכן און עס האָט זיך אָנגעהויבן שיין צו אַנטוויקלען. דאָס קינד האָט געלויכטן ווי די זון. אַזאַ שיין קינד —

האָבן אַלע מענטשן געזאָגט. און ווירקלעך איז אַזאַ קינד געווען זעלטן צו זען. מיין פרוי פלעגט זאָגן, אַז די שכינה רוט אויף דעם קינד.

ווען דאָס קינד איז אינגאַנצן ערשט אַלט געווען אַ פּאָר טעג, האָט די פלעגערין פון מוטער־הויז געזאָגט צו מיין פרוי — מאַדאַם, דאָס איז דאָך אַ שיין קינד וואָס דו האָסט, זעלטן ווערן אַזעלכע קינדער געבוירן. אַ סך שכנים זענען מיר געוואָרן שונאים צוליב דעם קינד. איינע אַ שכנטע, וואָס איז פריער געווען אונזער בעסטער פריינט, איז זייט מיין פרוי האָט געבוירן דאָס קינד, איר געוואָרן אַ שונא. מיין פרוי פלעגט מיט דעם קינד טאַנצן און שפּרינגען און עס אַרומ־טראָגן גאַנצע טעג אויף די הענט און קושן.

און אַ גוט קינד איז דאָס שוין איינמאָל געווען, עס האָט כמעט קיינמאָל נישט געוויינט. ביינאַכט, ווען מען האָט עס געגעבן 9 אַזייגער דאָס לעצטע מאָל צו עסן און געלייגט עס אין בעט אַריין, איז עס גע־שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. איך דערצייל דאָ אַזעלכע דעטיילן פון מיין קינד, ווייל איך וועל אויך דערציילן, אַז ביי 14 טאָג, האָט עס שוין געקענט שיין לאַכן. מענטשן האָבן עס נישט געוואָלט גלויבן, ביז זיי האָבן זיך אַליין איבערצייגט.

מיין קינד איז שוין, געלויבט צו גאָט, אַלט געוואָרן צוויי חדשים. עס האָט געבליט ווי אַ רויז. און איך מיט מיין פרוי זענען געווען אַזוי גליקלעך. ביז עס איז געקומען דער 6־טער יוני, און דער ענגלענדער מיטן אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אין פראַנקרייך. דאָ האָב איך עפּעס פאַרגעפילט, אַז אַן אומגליק רוקט זיך אָן אויף אונז. יעדעס מאָל, וואָס איך בין פון הויז אַוועקגעגאַנגען און בין צוריקגעקומען, האָט זיך מיר אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז איך זע אַן אויטאָ שטיין פאַר אונזער הויז און אַז די דייטשן זענען אונז געקומען נעמען. איך בין געווען גליקלעך, ווען איך בין צוגעקומען צו מיין טיר און געזען, אַז עס איז נישט קיין ווירקלעכקייט.

אָבער איינמאָל, פרייטיק אינדערפרי, דעם 9־טן יוני, בין איך גע־גאַנגען נאָך ברויט צום בעקער, ווייל מען האָט מיט שוועריקייט באַ־קומען ברויט. איך האָב אויך אַוועקגעטראָגן צום בעקער צום באַקן אַ ברויט, וואָס מיין פרוי האָט געמאַכט. אַהיימגייענדיק צוריק פון בע־קער, עס האָט דעמאָלט געקאָנט זיין אַזייגער 10 אינדערפרי, זע איך, ווי עס קומט צו מיר צולויפן מיינס אַ שכנטע און שרייט צו מיר פון־דערווייטנס — אַנטלויף — די דייטשן זענען נאָך אייך געקומען. איך בין אַריינגעלאָפן אין דער ערשטער טיר, וואָס איך האָב געטראָפן אָפן. איך האָב מיר אָנגעהויבן צו ברעכן די הענט און שטאַרק צו וויינען.

די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער גאַס, האָבן נישט באַמערקט, ווו איך בין אַריינגעלאָפן, ווייל ווען יאָ, וואָלטן זיי מיך אפשר נאָך געווען פאַראַטן. דער געשטאַפּאָ־אַגענט וואָס איז נאָך אונז געקומען, האָט מיך שטאַרק אַרומגעזוכט און ער האָט איינגערעדט די פלעמער, אַז ווען איך וואָלט געקומען, וואָלטן זיי מיין פרוי מיט די קינדער געלאָזט אינדערהיים. מיין פרוי אַזוי גוט ווי איך, האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נאָר אַ טריק און מיין פרוי האָט נאָך געהאַט דעם פאַרשטאַנד צו שיקן אַ שכנטע מיר זאָגן, איך זאָל אַנטלויפן. איך האָב אַפילו מיין פרוי מיט די קינדער נישט מער געזען אַוועקפאָרן. די שכנים האָבן דערציילט, אַז מיינע קינדער מיט מיין פרוי האָבן שטאַרק געוויינט.

ווען איך בין געגאַנגען צום בעקער, בין איך געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר צעריסענע הויזן און אַ פּאָר צעריסענע שיך. און האָב ביי מיר קיין געלט נישט געהאַט. מיין גאַנץ געלט, איבער 7.000 פראַנק, איז געבליבן אינדערהיים אין מיינס אַן אַנצוג. אָבער איך בין געווען אַזוי דערשראָקן, אַז איך וואָלט פאַר קיין שום געלט איצט נישט אַהיימגעגאַנגען. די שכנים האָבן דערציילט, אַז די פּאָליציי פּאַטרולירט כסדר אין מיין גאַס, וואָס איך גלויב, אַז דאָס איז נישט געווען אמת.

דער פלעמער, צו וועלכן איך בין געהאַט אַריינגעלאָפן, האָט מיך באַלד אַרויסגעטריבן. — גיי אַרויס, האָט ער צו מיר געזאָגט, זיצן אין פעלד און עס האָט דעמאָלט פונקט גערעגנט. דאַן בין איך אַריינגעלאָפן צו אַ צווייטן פלעמער, ווו איך פלעג אָפט קומען. דאָ האָב איך געשיקט רופן מיינס אַ שכנטע, ביי וועלכער עס האָט געהאָנגען מיינס אַן אַנצוג, זי זאָל אים מיטברענגען. די שכנטע האָט מיר געברענגט דעם אַנצוג און איך האָב זיך באַלד איבערגעטאָן, נאָר קיין שיך האָב איך נישט געהאַט, זיי זענען געלעגן ביי מיר אינדערהיים און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט וואַגן אַריינצוגיין אין מיין שטוב. דער פלעמער, ביי וועלכן איך האָב זיך איצט איבערגעטאָן, האָט מיך אויך אַרויסגעטריבן. ער האָט מיר געגעבן 100 פראַנק, נאָר איך זאָל אַרויסגיין פון זיין שטוב. מיין שכנטע האָט מיר אויך געגעבן 100 פראַנק, אין דער צייט ווען ביי איר זענען געלעגן ווערט־זאַכן און סחורה פאַר טויזנטער פראַנקן און זי האָט געוווסט, אַז איך מוז גיין לויפן אין דער וועלט אַריין אָן געלט. איך בין אַרויסגעלאָפן אין פעלד אַריין און אַוועק. איך האָב געוואָלט גיין קיין קלוסטערהיידע אין אַ דאָרף אַריין לעבן ליער צו אונזערס אַ באַקאַנטן פויער.

אויפן וועג בין איך אַריין צו אונזערס אַ באַקאַנטן קוילן־הענדלער. איך בין ביי אים אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין און ספּאַזמען. —

מיינע קינדער, האָב איך געשריגן, מיינע קליינע פֿייגעלעך, מען וועט זיי הרגענען. די מענטשן דאָרט האָבן מיט מיר מיטגעוויינט. זיי זענען גראָד געגאַנגען עסן מיטאָג. אָבער זיי האָבן זיך צום עסן נישט צוגערירט. זיי זענען צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל עפּעס עסן. דער קוילן־הענדלער האָט מיר אַריינגעוואָרפֿן זיין פֿלייש אין מיין טעלער און אַליין נישט געגעסן. די מענטשן זאָל גאָט באַצאָלן פֿאַר זייער חסד. איך וויל איצט צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים נישט פֿאַרעפֿנטלעכן דעם נאָמען פֿון זיי, אָבער ווען גאָט וועט מיך מציל זיין פֿון די דייטשע הענט, וועל איך זייער נאָמען הויך אויפֿשרייבן. דער קוילן־הענדלער האָט מיר געגעבן נאָך אַ גוטן מאַנטל, וואָס אין דער צייט פֿון דער מלחמה, האָט מען פֿאַר אים געמוזט באַצאָלן גענוג געלט. ער האָט מיר אויך געגעבן צוויי בלעטלעך ברויט־מאַרקעס, וואָס זענען ווערט געווען 500 פֿראַנק. דאַן אַ פּאָר גוטע שיך פֿון זיין זון און 200 פֿראַנק. זיין פֿרוי האָט מיין פּנים אָפּגעוואַשן פֿון די טרערן. דערנאָך האָט מיך דער קוילן־הענדלער אַוועקגעפֿירט דורך אַ הינטער־וועג איבער אַ פֿעלד אין דעם דאָרף אַריין, וווּאַהין איך האָב איצט געדאַרפֿט גיין.

די בריקן זענען שוין דעמאָלט אומעטום געווען באַזעצט מיט דייטשע וואַכן און מען האָט געדאַרפֿט ווייזן דעם פּאַס. אַ דאַנק דעם קוילן־הענדלער האָב איך געקאָנט אַרויס פֿון ליער. מיר זענען געגאַנגען איבער אַ פֿעלד פֿון הויכע גראָז און עס האָט גערעגנט. איך בין געווען ביז אין דער העלפֿט פֿון מיינע קליידער איינגאַנצן דורכגעווייקט און מיינע שיך זענען געווען אין שטיק וואַסער.

נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין קלוסטערהיידע צו אונזער באַקאַנטן פּויער. איך האָב זיך ביי דעם פּויער ענגעלס שטאַרק צעוויינט און דערציילט מיין אומגליק. איך האָב געבעטן, ער זאָל מיך ביי אים לאָזן זיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר העלפֿן.